פרעמדשפּראַכיקע ווערטערביכער. איך לייג אויך פאָר, אַז ביים ייוואָ זאָל זיך שאַפן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פאַר דער טערמינאָלאָגיע פון פּסיכאָלאָגיע, און אַז אין דער קאָמיסיע זאָלן אַריין אי לינגוויסטן אי פּסיכאָלאָגן. אַזאַ קאָמיסיע וואָלט אויך געקענט קריגן די הילף פון זייטיקערע פריינד וואָס האָבן אַן אינטערעס פאר דעם ענין.

# ווערטער פון אוקראַינע וואס האבן א שייכות צום עסן

## פון ל. פיינבערג

פון מיינע קינדעריאָרן געדענק איך די ווייטערדיקע ווערטער וואָס ווי איך האב זיך איבערגעצייגט זיינען ניט באַוווּסט אָדער כמעט ניט באַוווּסט אין אנדערע געגנטן:

אָלאַדיעס — קליינע פּלעצלעך אויף בוימל (אין אדעס).

באַקלאַווע — פּלאָדן, געבאַקן אויף האָניק.

באַשמאַלאַ — א טערקישע פּלוים (אין אדעס).

באַבעמיל — קליינע קוגעלעך.

בוימל־בולקעס — קוכן, ענלעך צו „קאָפּיקייק“.

בילטעי — איינגעמאַכטס פון דרען.

גוטעס — טערפּקע בארן, וואָס מען פלעגט געברויכן בלויז צו קאָכן איינגעמאַכטס. רויער־הייט האָט מען זיי נישט געקענט עסן.

דרען — רויטע טערפּקע יאַגדעס.

וואַרטוטעס, אָדער פוילע וואַרעניקעס — וואַרעניקעס אָן געפּילעכץ.

טשערניטשקע — א שוואַרצער מאָן, מיט וועלכן מען פלעגט באַשיטן ברויט אָדער פּלעצלעך.

לעמעשקע — א לויזע קאַשע פון רעטשענע גרויפּן.

מאַלאַיעס — פּלעצלעך פון פּאַפּשויען־מעל (קוקורוזע־מעל).

מלכות־ברייטל — לעקעך מיט ניס, באַדעקט מיט צוקער.

סייקע — א קליין געשמאַק ברייטל (אין אדעס).

עסיקפלייש — פלייש, געקאָכט אין זיס־און־זויער.

פּוטער־בייגעלעך — קליינע רונדע לעקעכלעך (אויף שבועות).

פּידפּאַליקעס — פּלעצלעך, געבאַקן אויפן פּלאַם.

פּראַקעס — געהאַקטע פלייש, געוויקלט אין קרויט און געקאָכט אין עסיק.

פּשאָנקעס — געקאָכטע פּאַפּשויעס (קוקורוזעס).

פּראַזשעניצע — אייער־קוכן, פיינקוכן.

פלעדלעך — פורימדיקע פּלאָדן.

פראַנזאָליעס — פראַנצייזישע בולקעס (אין אדעס).

פּרומע טאַטעס — א געבעקס, געמאַכט פון טייג, קעז און עפּל.

צימעס נאַהיט — א צימעס פון דריבנע פּאַסאָליעס (נאַהיט) אָדער פון ארבעס.

קאַשעפּאָניע — גראָבע קאַשע מיט פּאַסאָליעס.

קאַפּטלעך — געהאַקטע פלייש, געוויקלט אין ווייַנטרויבן־בלעטלעך און געקאָכט אין ווייַן.

קאַשניקעס — קנישעס פון געקאָכטע רייַז (אויף שבועות).

קאָמיש־ברויט — נוסלעקעך.

קעזלעך — פּסחדיקע קוגעלעך, געמאַכט פון מצה־מעל.

רעטשענע לאַטקעס — לאַטקעס פון רעטשענע מעל.

די ווערטער: באַשמאַלאַ, סייַקע, פראַנזאָליעס, אָלאַדיעס — געדענק איך פון מיינע קינדעריאָרן אין אדעס. צי מען ווייס וועגן זיי אין די קליינע אוקראַינישע שטעטלעך — דאָס קען איך נישט באַווייַזן.